# נישט סמאַטשקען די ביינדעלעך...!

## אַ בריוו פון ד״ר שלמה סיימאָן, ניו־יאָרק:

„ס׳ווילט זיך מיר שרייבן וועגן יעדן בלעטל פון זשורנאַל, אַפילו וועגן יצחק דמיאלס בריוול וועגן „חובות הלבבות״ — — —

...אייער „אַ ניי מזרח־מעשהלע״ איז פּאַטריאָטיש, מלחמהדיק, ביקסן־מעסיק, זעלנערישער טראָט און אָפּהילך פון אַרמיי־מאַרשן. מיר איז דערווידער אַזאַ שרייבן. אָבער איך האָב נישט קיין רעכט צו משפּטן, ווייל אין אייער אַרטיקל געפינט זיך אויך דער זאַץ וועגן „הרוגי מאָס־קווע, פון די סאַמע לעצטע יאָרן. אַלע, אַלע נשמות פון הרוגים קדושים האָבן אַקעגנגעקומען (מיר געפעלט נישט דער אויסדרוק „אַקייגנגע־טאַנצט״), די סאַמע יונגסטע, פריש־געפאַלענע הונדערט זיבעציק״.

מיר איז אָבער פרעמד דאָס באַזינגען מלחמה. ניין, דער־ווידער. מען דערציילט אַז עס איז געקומען צו ר׳ יצחק אלחנן אַ יידי־שער זעלנער און געזאָגט צו אים: רבי, איך בין אַ ייד א חלוש, איך מוז עסן פון קעסל, אַנישט וועל איך שטאַרבן. האָט אים דער גרויסער ר׳ יצחק אלחנן געענטפערט:

„נו, פּקוח נפש! אָבער אַז דו וועסט עסן די טרפה, זאָלסטו נישט סמאַקטשקען די ביינדעלעך״.

צו דעם סמאַקטשען די ביינדעלעך געהערן אויך אייערע אויסצוגן פון „חירות״ און „ידיעות אחרונות״.

איך בין מיט אייך נישט מסכים אַז מ׳דאַרף זיך איבערבעטן מיט שלום אַשן. חלילה, מען דאַרף אים נישט פאַרפאָלגן, רודפן, אָבער זאָל ער געזונט זיין און שטאַרק זיין און לעבן ביחידות, אָן קיין שום באַרירונג מיטן יידישן פאָלק. ער האָט אַ סך געזינדיקט — — —

ק. צעטניקס אַרטיקל „מיינע שילומים האָבן מיך געריירט ביז טרערן. איך בין מיט אים נישט מסכים — הרצחת וגם ירשת? — האָט מיט רעכט געשטורעמט אליהו. אָבער ווער מעג נעמען די שילו־מים? דאָס פאָלק ישראל מעג נעמען. אָבער אָרגאַניזאַציעס און געוויסע יחידים?

— — — זייט געשטאַרקט,

אייער שלמה סיימאָן